# 4 שריט פאר קינדער

## האבן דעם ריכטיגן זיץ איז וויכטיג

## פאסאדזשיר זיכערהייט טיפ קארטל

**אן עקסידענט קען פאסירן צו יעדע צייט – אפילו אויב איר זענט א גוטער דרייווער. עס איז וויכטיג צו נוצן דעם ריכטיגן סארט ריסטרעינט באזירט אויף אייער קינד'ס עלטער און מאס. אזוי ווי אייער קינד וואקסט, פאלגט אויס די פיר שריט – איין שריט אויף א מאל – צו האלטן אייער קינד פארזיכערט אינעם קאר.**



### פנים-צום-הונטן קאר זיצן

נוצט א פנים-צום-הונטן קאר זיץ ביז ווען אייער קינד איז אמווייניגסטנס צוויי יאר אלט און האלט ביים העכסטן וואג אדער הייך באגרעניצונג פונעם קאר זיץ. א קאנווערטיבל אדער אלעס-אין-איין קאר זיץ זאל ווערן גענוצט אינעם פנים-צום-הונטן פלאץ פאר בעיביס וואס וואקסן אויס בלויז-בעיביז קאר זיצן.



### פנים-צום-פארנט קאר זיצן

נוצט א פנים-צום-פארנט קאר זיץ ווען אייער קינד וואקסט אויס דעם פנים-צום-הונטן וואג אדער הייך באגרעניצונג. האלט אייער קינד אין א פנים-צום-פארנט קאר זיץ מיט א הארנעס און טעטהער, ביזן העכסטן וואג אדער הייך באגרעניצונג פונעם קאר זיץ.



### בוסטער זיצן

נוצט א בעלט פאזישאנינג בוסטער זיץ ווען אייער קינד'ס וואג אדער הייך איז העכער דעם פנים-צום-פארנט באגרעניצונג פונעם קאר זיץ. האלט אייער קינד אין א בוסטער זיץ ביז ווען די שויס און אקסל בעלטס פאסן זיך געהעריג, געווענליך צווישן 8 און 12 יאר אלט.



### סיטע בעלטס

נוצט א שויס און אקסל בעלט ווען דער סיטע בעלט פאסט זיך געהעריג אויף אייער קינד. דער שויס בעלט זאל זיין נידריג און פעסט געפאסט אריבער די דיכטן און דער אקסל בעלט זאל דורכלויפן דעם מיטן פונעם ברוסטקאסטן און אקסל. קינדער זאלן זיין גענוג הויך צו בייגן זייערע קניען באקוועמערהייט איבערן עק פונעם הונטערשטן זיץ מיטן רוקן אויפן זיץ פונעם קאר.

**אלע קינדער אונטער 13 יאר אלט זאלן פארן אינעם הונטערשטן זיץ.**

## וויכטיג!

**ליינט שטענדיג און פאלגט אויס אייער קאר אייגנטומער'ס אנווייזונגען ביכל און די מאניופאקטשורער'ס אנווייזונגען פאר אייער קאר זיץ ווען איר נוצט און אינסטאלירט אייער קאר זיץ.**

## אנדערע זיכערהייט עצות

1. בינדט אריין אייער קינד אויף יעדע רייזע. רוב עקסידענטן פאסירן אויף א נידריגע ספיד און נאנט צום היים.
2. דער בעסטער קאר זיץ איז אזוינס וואס פאסט פאר אייער קינד'ס מאס, איז ריכטיג אינסטאלירט, און ווערט גענוצט ווי געהעריג יעדעס מאל.
3. וועגט און מעסט אייער קינד אפט כדי זיכער צו מאכן אז דער ריכטיגער סארט ריסטרעינט ווערט גענוצט.
4. זייט א גוטער ביישפיל פאר אייער קינד. בינדט זיך אריין!

## דארפט איר הילף?

א סערטיפייד קינד פאסאדזשיר זיכערהייט (CPS) טעכניקער קען באקוקן אייער קאר זיץ און ענטפערן פראגעס בנוגע פאסאדזשיר זיכערהייט . צו טרעפן אן אינספעקציע פלאץ אין אייער געגנט, גייט צו

**trafficsafety.ny.gov/child-safety-seat-inspection-stations**

*פאר מער אינפארמאציע בנוגע קינד פאסאדזשיר זיכערהייט, גייט צו :*

ניו יארק סטעיט גאווערנאר'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטעט
(New York State Governor's Traffic Safety Committee)
**trafficsafety.ny.gov**

ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון געזונטהייט
(NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH)
**health.ny.gov/prevention/injury_prevention/cars**

אמעריקאנער אקאדעמיע פון פידיעטריקס
(American Academy of Pediatrics)
**aap.org**

נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע
(National Highway Traffic Safety Administration)
**nhtsa.gov**

*באצאלט דורך די נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע (NHTSA) מיט א גרענט פון די ניו יארק סטעיט גאווערנאר'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטעט*

**פאלגט אונז נאך אויף:**
health.ny.gov
facebook.com/NYSDOH
twitter.com/HealthNYGov

NEW YORK STATE | Department of Health